## צוויי לידער

## געווידמעט דעם פּראָפֿעסאָר מיכאַלאָוויטש

### דער סימן

(פֿרייע איבערדיכטונג פֿון **וויקטאָר הוגאָ**)

כ׳האָב געוואָלט אין דער פֿינצטער דעם אמת דערגרייכן.
מ׳האָט קיינעמס פֿייער נישט געוואָלט מאַכן ליכטיק.
האָב איך געבעטן מיין מזל: גיב מיר אַ צייכן,
וועלכער וועג פֿון די וועגן איז ריכטיק.
און כ׳האָב אַ סימן געקריגן; אָ, נס מן השמים,
איצט ווייס איך, אַז דער וועג וואָס איך גיי איז פֿון גאָט
ווייל ״רוצח! רוצח!״ שרייט אויף מיר קין,
״פֿאַררעטער״ רופֿט מיך יהודה איסקאַריאָט.

---

### די פֿליגן

(פֿרייע איבערדיכטונג נאָך **אברהם אבן־עזרא**)

וואו נעמט מען אַ מקום־מקלט, וואו,
צו אַנטלויפֿן פֿון די רוצחים, די פֿליגן?
זיי לאָזן דאָך מיך אַ מינוט נישט צו רו,
זיי זענען אין מיין שטוב, אויף מיין דאַך, אָ

זיי טאַנצן ווילד אויף מיינע ברעמען,
זיי שפּרינגען, זשומען אָן אַ סוף.
אַז איך וויל מיין מאָלצייט נעמען,
קומען זיי און פֿרעסן אויף.

זיי וואַרעמען זיך ביי מיין לעצטן שפּאָן,
זיי טרינקען אויס מיין רעשט ביסל וויין,
און זיי זעצן זיך אויבן אָן,
ווען כ׳בעט מיינע פֿריינט צו מיר אַריין.

מיין טרייסט איז נאָר, אַז הערבסט ווען שניידן
מיט קעלט און רעגן און וועט זיי פֿאַרשטראָמען.
אַז נישט וואָלט די וועלט געשטאָרבן פֿון ליידן;
און איך דאַנק דערפֿאַר זיין ליבן נאָמען.

----------------------------------------------------------------

**הײַנט (וואַרשע)**

30, נומ׳ 260, נאָוועמבער 12, 1937, ז׳ 7